RADOMER KIELCER LEBEN № 40 (76) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" צווייטער יאָהרגאַנג  פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הייבט 10 זייטע.

אדרעסען
פון „ראַדאָמער קעלצער לעבען"

אין ראַדאָם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Kielce, Sienkiewicza 35.

אַנאָנסען פרייז:
אין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
" 40 " אין " " "
" 18 " נאָכ'ן " " "

ראַדאָם פרייטיג ז' תשרי תרפ"ו   פאַר'ן אינהאַלט און טעקסט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע ניט פעראַנטוואָרטליך.   25 Września 1925 roku

טעאַטער „ראַזמײַטאַלמײַשי" ראַדאָם
פאַראייניגטע טרופע פון יידישען אַרטיסטען-פעראיין אין וואַרשא.

פרעמיערע. צום ערשטען מאָהל אין ראַדאָם פרייטאג דעם 25 טען ד. חי' ווערט געשפּיעלט ווערען צום ערשטען מאָהל דער לעצטער שלאַגער פון מ אָ ר י ק ש וו אַ ר ץ טעאַטער אין אמעריקא וועלכע ווערט יעצט געשפּילט אָהן אויפהער די בארימטע פּיעסע. אין 4 אקט. מיט א פּראָלאָג

## יום הדין

אין יום הדין ווערט געוויזען די תשובה פון דעם משומד ערב יום כפור און די אַפּאָטעאָזע אין מיט'ן כל נדרי.

שבת בייטאָג נאָך איין פאָרשטעלונג אָנהויב פּינקטליך 3,30 בייטאָג ווערט געשפּילט ווערען צום לעצטען מאָהל פון זינגער כאַצקעל די באַליבטע יפריילעכע אָפּערעטקע אין 3 אַקטען מיט אַ בילד,

## די רומענישע חתונה

מאָנטאָג מוצאי יום כפור גרויסע פּרעמיערע צום ערשטען מאָהל אין ראַדאָם אָנהויב פּינקטליך 8,45 ווערט געשפּילט די איבעראַל באַליבטע אָפּערעטקא מיט פיל געזאַנג אין 4 אַקטען פון טאָמאַשעווסקי.

## די יודישע קרוין

אַ כ ט ו נ ג צו יעדען בילעט ווערט צוגעגעבען אומזיסט דער באַליבטער קופּלעט „געוואַלד איך וויל" „געוואַלד איך דאַרף"

בילעטען צו בעקומען אין סקלאַר אפטעטשנע אונד אין קאַסע פון טעאַטער.

אַנאָנס: אין פאָרבערייטונג „די פערגעסענע מאַמע" טאָג און נאַכט פון ש. אַנ-סקי, „אין שטורם" פון מאיר הערץ רעדאַקטאָר פון ראַדאָמער קעלצער לעבען געשעפטס-פיהרער לייכטער

אַ הארציגען מזל טוב שיק איך
איבער מיין ליבען חבר משה
ראַטשטיין צו זיין פארלאָבונג
מיט פר"ל אירענאַ פישמאַן
וואַרשא, תשרי תרפ"ו ש. בענעט.

מז"ט צו דער חתונה פון אונזער געליבטען
יונגסטען זוהן ישראל משה טייכמאַן
מיט פר"ל חנה לעוויטאַן
ווינשען מיר אַ גליקליכע צוקונפט און אַ גח"ט
עלטערן, שוועסטער, ברידער,
שוואָגערס, שוועגערינס, יוסף אליעזר
ראַדאָם ג' תשרי תרפ"ו ע"ז בינה טייכמאַן.

אתרוגים
לולבים והדסים מהודרים במקח השוה
ביי יעקב ווייגאַרט, דלוגאַ 1

אַ גמר חתימה טובה ווינשען מיר ר' יצחק מאיר לעסלוי עט זאָהן
פייוועל רייך עט פרוי. און פאַמיליעס.

צו די תנאים פון אונזער חבר
משה ראַטשטיין מיט פר"ל
אירענאַ פישמאַן ווינשען מזל-טוב
יעקב מוסמאַן,
פנחס זעליצקי, יהושע בוים.

Z intencji zaręczyn
**Maurycego Kotsztajna**
z p. **Ireną Fiszmanówną**
różowej przyszłości życzy
**Chil Goldberg.**

## עפענטליכע איינלאַדונג.

מיר האָבען דעם כבוד צו פערבעטען אַלע עלטערן, ביי וועלכע ס'איז זעהר טהייער די ערציהונג פון זייערע קינדער, אויפ'ן עפענטליכען עקזאַמען פון אונזערע ת ל מ י ד י ם, וואָס וועט פאָרקומען שבת שובה 3 אזייגער נאָך מיטאָג, אין אייגענעם זעהר בעקוועמען און פראַכטפולען לאָקאַל כפּאַרנאַ 7

אויפ'ן עקזאַמען פון תנ"ך, גמרא און רש"י, וואָס האָט די אויפגאַבע עפּטער צו געבען אַ דין וחשבון פאַר די עפענטליכקייט און נישט אויסצופּעהאַלטען זיך אין די ענגע ד' אמות, וועלען זיך די פעראינטערעסירטע עלטערן קענען איבערצייגען, וואָס הייסט גרונדליך לערנען תנ"ך איז אַ קלינגענדען העבּרעאיש, וועלכע איז אונזער ניט בלויזע הייליגע שפּראַך, נאָר מיט'ן אויפבליהענדען ארץ-ישראל ווערט זי אונזער פאָלק'ס-שפּראַך און אַז אויף זיי ליגט אַ שווערער חוב נישט צו פערנאַכלעסיגען דעם למוד התורה אין ערציהונג פון זייערע קינדער!

מיט דרך ארץ
איסר ליבשיץ, נח דאַנציגער, יעקב העכטמאַן.

Pierwszorzędna Warszawska pracownia okryć damskich
KOSTJUMÓW i FUTER
ZYGMUNT DZIADEK
**KIELCE, Sienkiewicza № 35.**
*Zakład mój jest zaopatrzony na sezon zimowy w najnowsze żurnale i modele zagraniczne.*
ROBOTA SOLIDNA i PUNKTUALNA.

„VESTA"
**Bank Wzajemnych Ubezpieczeń w Poznaniu.**

Zawiadamia się Sz. Publiczności, że z dniem 1-go Września 1925 roku
*Reprezentację na Okręg Kielecki*
**objął p. M. OBERMAN Kielce Sienkiewicza 37**
który upoważnionym jest do przyjęcia wszelkiego rodzaju ubezpieczeń od ognia, kradzieży, na życie, od wypadków, i ubezpieczeń samochodowych auto-casco i odpowiedzialność cywilną.

Informacji w powyższych sprawach udziela Reprezentacja w Kielcach ul. Sienkiewicza 37.

Poszukiwani są na dobre warunki ajenci w całem Województwie Kieleckiem.

**Dyrektor** M. Ochwanowski (-)

Towarzystwo Ubezpieczeń
ORZEŁ sp. Akc.

**Dyrekcja w Warszawie** Św. Krzyska № 30 **Oddział Miejski** Marszałkowska № 116 Telefony: 298-44, 190-63, 89-93
**GENERALNA REPREZENTACJA na Kieleckie i Lubelskie Województwa w Kielcach** Sienkiewicza № 63 Telefony 159, 159-6.

Przyjmuje ubezpieczenia od ognia, kradzieży z włamaniem ryzyka transportu, oraz od gradobicia.

Solidni agenci jakoteż i agentki w miejscowościach województwa Kieleckiego i Lubelskiego zająć mogą odpowiednie posady na dobrych warunkach prowizyjnych.

Oferty składać należy do **Kieleckiej Generalnej Reprezentacji** Sienkiewicza 63, piśmiennie lub osobiście w godzinach biurowych od 8—1 p. p.

# א ביי מיטעל געגען מאזלען.

פון ד"ר מלך כמעלניצקי.

וועגען דער קינדער־קראנקהייט מאזלען הערשט אין די ברייטע פאלקסמאסען א פאלשע מיינונג: מען האלט מאזלען פאר א גרינגער קראנקהייט. אין דער ווירקליכקייט איז אבער די קראנקהייט דורכאויס נישט אזא גרינגע ווי מען שטעלט זיך דאס פאר. די סטאטיסטיקעס בעווייזען, אז פון די קראנקהייט שטארבען מעהר קינדער, ווי פון דיפטעריט און שקארלאטינע. געפעהרליך זענען מאזלען ביי קינדער אונטער דריי יאהר און בפרט ביי ברוסט־קינדער, אין איינציגע שטעדט האט שוין פאסירט, אז ביי א עפידעמיע (אונטערגאנג) פון מאזלען זענען גצשטארבען פופציג פראצענט פון די קראנק געוואָרענע ברוסט־קינדער. ביי מאזלען טרעט אפט אויף אויך א קאטאר פון די לופט־רעהרען (בראנכיט). דער קאטאר געהט איבער פון די לופט־רעהרען אויף די לונגען און עס ווערט א לונגען־ענטצינדונג פון וועלכער עס שטארבען א סך קינדער.

מען קען דערפאר בעטראכטען פאר א גרויסען ערפאלג פון דער מעדיצין, וואס עס האט זיך אין דער לעצטער צייט איינגעגעבען צו געפינען א מיטעל, וועלכער העלפט די קראנקע קינדער גרינגער איבערצוטראגען די קראנקהייט און מיט וועלכען מען קען אויך פערהיטען, אז א קינד זאל איבערהויפט נישט קראנק ווערען אויף מאזלען.

מאזלען איז א אנשטעקיגע קראנקהייט. זי טראגט זיך איבער פונ'ם קראנקען קינד אויף געזונדע. דער מיקראב, דורך וועלכען די קראנקהייט ווערט ארויסגערופען, איז נאך דערווייל נישט בעקאנט. ער געהערט וואהרשיינליך צו די קלענסטע מיקראבען, ווייל מיט די היינטיגע מיטלען קען מען איהם נישט ענטדעקען, כאטש מען זוכט איהם שוין א יאהר פופציג. מען ווייס אבער פון ערפאהרונג ביי אנדערע אנשטעקענדע קראנקהייטען, אז דאס בלוט פון א קינד, וואס איז איבערגעשטאנען מאזלען, מוז אין זיך האבען גיפטען געגען דעם אונבעקאנטען מיקראב, ווייל א קראנקער קען איבערהויפט נאר דעמאלט גובר זיין אן'אנשטעקיגע קראנקהייט, ווען ער האט געגען דעם גיפט פון די מיקראבען (באקטעריעס, באצילען) פראדוצירט אין זיך א געגענגיפט, ווען אין זיין בלוט האבען זיך שוין אנגעזאמעלט אזוי פיל געגען־גיפטען, אז די מיקראבען האבען שוין איבער איהם קיין שום קראפט נישט.

דער דייטשער געלעהרטער דענקוויץ איז געפאלען אויף דעם געדאנק אנצווענדען אלס מיטעל געגען מאזלען דאס בלוט פון קינדער, וועלכע זענען נאר וואס ארויס פון דער קראנקהייט, ווייל אין אזא בלוט מוז דאך בעשטימט זיין א גיפט געגען דעם אויבענדערמאנטען מיקראב פון מאזלען. עס האט זיך באלד ארויסגעשטעלט, אז ער האט געהאט א גליקליכען געדאנק - די רעזולטאטען זענען געוועזען זעהר גוטע. די קראנקע קינדער האבען נאך אזא איינשפריצונג פון א פאר טראפען בלוט־סערום (סערום איז דער פליסיגער, וואסעריגער טייל פון בלוט) אנגעהויבען זיך שנעל ערהאלען. דער פיבער איז ביי זיי פערשוואונדען און זיי זענען א סך שנעלער געזונד געווארען. קאטאר פון די לופט־רעהרען און לונגען־ענטצינדונג, וואס איז אזוי געפעהרליך ביי מאזלען, איז אין קיין איינציגען פאל נישט פארגעקומען. ביי דער געפאהר פון א מאזלען־עפידעמיע וועט מען קענען אימפען אלע קינדער מיט בלוט־סערום פון מאזלען מיקראבען, ווי פאקען שטעלען. מען קען אלזא האפען, אז ביי דער פערווענדונג פון דער ניי'ער מעטאדע וועלען מאזלען מיט דער צייט בכלל פערשווינדען, פונקט ווי דורך שטעלען פון פאקען איז פערשוואונדען די פאקען קראנקהייט, וועלכע פלעגט צוריק מיט יאהרען צונעהמען טויזענדע קרבנות אין אלע לענדער.

⊚⊚⊚⊚

# פאר וואס זאל ביינאכט נישט דיזשורירען קיין דאקטאר?

פאראן אין ראדאם א „לינת הצדק" וועמענס אויפגאבע עס איז, אנטקעגען צוקומען ארימע קראנקע מיט אומזיסטע מעדיצינישע הילף. פאר דער מלחמה האט דער זעלבער „לינת הצדק" פערנומען איינע פון די אנגעזעהענסטע ערטער צווישען די היגע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס און האט ענטוויקעלט א ברייטע טהעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון מעדיצינישע פילאנטראפיע. אין יענער צייט האט דער „לינת הצדק" כמעט פערטרעטען דאס ארט פון אן'אמבולאטאריום, איז געווען איינגעריכטעט מיט אלע בעקוועמליכקייטען און פערזעהן מיט די נויטיגסטע מעדיצינישע מעדיקאמענטען. אויסער דעם איז אויף יעדער נאכט בעשטימט געווען משמורים און ס'האט דיזשורירט א דאקטאר.

דער היינטיגער „לינת הצדק" הגם ער ברענגט גענוג נוצען, איז עס פארט מעהר נישט דער זעלבער וואס א מאל די טעטיגקייט זיינע איז נישט אין אזא מאסשטאב ווי געווען, אויבוואהל די בעדינגונגען האבען זיך גרונדליך געביטען זייט יענע יאהרען פון פאר דער מלחמה. יעדענפאלס אבער ברויך דער „לינת הצדק" ווי ווייט מעגליך זיך בעמיהען איינצוארדנען, אז יעדער נאכט זאל דיזשורירען א דאקטאר. אויב דאס איז פינאנסיעל צו־בעשווערט, ברויכט איינגעפיהרט ווערען, אז אין „לינת הצדק" זאל יעדער נאכט דיזשורירט ווערען, כדי אין א נויטיגען פאל ארויסצוגעבען א קראנקען־צעטיל צו א דאקטאר, וועלכער זאל זיין פערפליכטעט דורך א פריהערדיגע פערשטענדיגונג מיט'ן „לינת הצדק", צו געהן צום קראנקען אפילו אין מיטען דערנאכט. דאס ברויך אונבעדינגט אין אכט גענומען ווערען, ווייל ס'טרעפען זיך פיעל פאלען, וואס קראנקע נויטיגען זיך ביינאכט אין א דאקטאר, וועמען ס'איז אפט שווער צו בעקומען.

דער „לינת הצדק" ברויך זיך מיט דעם ענין פעראינטערעסירען און עפיס אויפטוהן אויפ'ן דאזיגען געביעט.

ב. צווייג.

---

א. ל. פ—ל.

# בעהאלטען דעם אפיקומן אויף יום־כפור

אין די פריהערדיגע יאהרען, נאך איידער מ'האט געטריבען יודען פון די דערפער, פלעגט זיך זעהר אפט טרעפען, אזעלכע דארפ'ס־יודען, אדער, ווי מ'האט זיי גערופען, ארענדארען, וועלכע האבען אויסגעלעבט זייערע יאהרען, חתונה געמאכט זייערע קינדער, געהאנדעלט און געוואנדעלט, אלס אין דארף, נישט וויסענדיג אפילו ווי א שטאדט זעהט אויס. צווישען זיי זענען מעהרסטענטייל געוועזען אזעלכע עמי־הארצים, וואס האבען קוים בדוחק געקאנט א ביסעל עברי... נור ווי אזוי מ'דארף דאווענען, וואס מ'זאגט יא פונ'ם סידור און וואס מ'ברויך איבערהיפערען—האבען זיי נישט אנגעהויבען וויסען, און בשום אופן זיך דאס נישט געקאנט אויסלערנען... בפרט נאך א שטייגער, ווי אזוי מ'רעכט אפ פסח דעם סדר, אדער ווי אזוי מ'איז זיך נוהג ביי אזא טאג־לאנגען דאווענען ווי יום־כפור—זאל שוין גאט שומר ומציל זיין!..

———

איינמאל האט זיך אזא דארפסמאן, וועלכער איז אפגעזעסען כל־ימיו אין דארף, און געהאט א ידיעה אין יודישע מנהגים פונקט ווי א קאזאק אין „סדר־תקיעות"... פערגליסט צו פאהרען אויף יום־כפור אין שטאדט אריין דאווענען.

— מ'זיצט אזוי שטענדיג אין דארף זאגט ער צו זיין ווייב— און מ'האט כסדר צוטוהן מיט גראבע ערלים, ווערט מען אליין אויך א ביסעל פערגרעבט און מ'ווייזט גאר נישט פון קיין יודישקייט: לאמיך כאטש איינמאהל אין יאהר, אין אזא הייליגען טאג ווי יום־כפור איז - זיין צווישען יודען, דאווענען ווי ס'בעדארף צו זיין און טהון דאס, וואס אלע יודען טוהן... —

דאס ווייב האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און מסכים געווען, און ער איז מיט מזל אוועקגעפאהרען.

געקומען אין שטאדט אריין, האט ער זיך געדונגען א פלאץ אין שוהל אויף דער מזרח־וואנד. אויפגעמישט דעם סידור און גענומען זאגען—ביים דאווענען האט ער אלע מאהל געפרעגט זיין שכן, וועלכער איז נעבען איהם געזעסען:—וואס מ'זאגט? וואו מ'האלט? —און יענער האט איהם כסדר אנגעוויזען.

דערווייל איז געקומען צו כורעים־פאלען. דער ארענדאר זעהט: יעדער צעגלעגט זיך אויף דער גאלער ערד און מ'דעקט זיך איבער מיטן טלית איבער'ן קאפ, מ'ליגט אפ א שטיקעל צייט און מ'שטעהט אויף צוריק. מילא, וואס ער האט געזעהן איטליכען טוהן, האט ער אויך נאכגעטוהן. נור אזוי ווי מ'איז געלעגען מיטן טלית איבערגעדעקט, האט ער נישט געוואוסט, וואס מ'טהוט אונטער'ן טלית...

פרעגט ער אין דער שטיל זיין שכן

**יודען!** געדענקט אין דער קערה ערב יו"כ לטובת ישוב ארץ ישראל. ווי אויך ביי עלית התורה פערגעסט נישט אין אייער פאלק און לאנד דאס איז „קרן קימת לישראל"

ה' סנארסקי האט געגעבען צו פערשטעהן דעם געריכט, אז דער „בונד" איז א אונלעגאלע פארטיי, ה' פענסטערבלוי פרעגט דאן דעם ה' סנארסקי צי ער ווייסט פון אזא פאקט, אז מען האט געזאלט אין פוילען בעשטראפען א בונדיסט לויט'ן ארט. 126 אויף וואס ה' סנארסקי ענטפערט איהם פאלגענדעס: ה' מעצענאס, איהר ווייסט דאך אליין אין זיך, אז דאס געריכט האט אייך אלס בונדיסט בעשטראפט לויט'ן ארט. 126.

נאך די רעדע פון ה' סנארסקי נעמט דאס ווארט דער פראקוראר ווי אויך די פערטיידיגער, און דאן נאך זייערע רעדעס, און נאך דעם לעצטען ווארט פון די בעשולדיגטע טראגט ארויס דאס געריכט דעם אורטהייל, לויט וועלכען די בעשולדיגטע אברהם בליכער, בנימין גלאס און שבתי לאקס, בעקומען צו 4 יאהר שווערע תפיסה יעדער. די בעשולדיגטע: לייביש טענענבוים, יהושיע אפאטאווסקי און יענקיל שטיינאוויטש, צו 3 יאהר יעדערער און משה זשולטי אויף 2 יאהר.

די איבריגע בעשולדיגטע נעמליך: מאיר קאץ, הערש מידלארסקי, בינה פרישמאן און עקיבה ראזענבלום ווערען בעפרייט,

## פון סוחרים-פעראיין.

דער סוחרים-פעראיין דערמאנט, אז פרייטאג דעם 25/9 איז דער לעצטער הנחה-טערמין פון די פערלענגענע מלוכה-שטייערען, פון וועלכע עס ווערט נאר גערעכענט ווערען 1% מאנאטליך אנשטאט 4%.

פאר די פערלענגענע קאמונאלע שטייערען איז דער לעצטער הנחה-טערמין דער 31-ער ווזשעשיען.

## פון שוהל אין געריכט אריין.

שוין צום צווייטען מאהל קומט פאר אין פרידענס-געריכט דער פראצעס צווישען די ה"ה יחיאל קעסטענבערג מיט בנימין לאנדוי. בייביידע מאהל טרעט דער ה' לאנדוי ארויס מיט אנקלאגע צום געריכט, אז דער ה' קעסטענבערג האט איהם אין שוהל שטארק בעליידיגט אין אנוועזענהייט פון מענשען. פערגאנגענע וואך איז דער פראצעס פארגעקומען צום צווייטען מאל און איז אבגעלעגט געווארען דערפאר, וואס ה' קעסטענבערג האט פערלאנגט, אז מיט די עדות מצד ה' לאנדוי, זאל שווערען א רב און דערפאר, וואס צוליב דער שפעטער צייט האט די דאזיגע שבועה-פראצעדור נישט געקענט פארקומען איז דער פראצעס אבגעלעגט געווארען. צום פראצעס זענען צוגעצויגען געווארען 20 עדות. דעם ה' קעסטענבערג פערטיידיגט ה' פידאלי, ה' לאנדאו — וואשילעווסקי.

א גמר חתימה טובה ווינש איך מיין ג. שעף יודעל גאסטינסקי און זיין פאמיליע.

**ישראל שפירטוס.**

## א ווענדונג צו די גבאים פון אלע בתי-תפלות אין ראדאם!

צוזאמען מיט א דאנק פאר די שוין א 30 יעהריגע טראדיציע פון אדורכגעפירטע אקציע פון ר"ה, ווענדען מיר זיך מיט א ווארימען אפעל צו די ה"ה גבאים און מתפללים פון אלע בתי-תפלות אין ראדאם: געדענקט אין דעם „קרן קימת לישראל" און העלפט צו אדורכפיהרען די קערות-אקציע אונזערע בעפאלמעכטיגטע ערב יו"כ לטובת ישוב ארץ-ישראל, ווי אויך ביי עליית התורה אין יו"כ און חג הסוכות.

מיר באמערקען, דאס ראדאם האט שוין א 30 יעהריגע טראדיציע פון אויסצייכנונג לטובת ישוב ארץ ישראל מיר האפען דעריבער, דאס אויך היי-יאהר וועט ראדאם פארנעמען איהר בכבוד'ען פלאץ ווי שטענדיג.

גלייכצייטיג בעטען מיר די ג"ה גבאים זיי זאלען אונז צו שיקען די ליסטעס פון די מנדרים און מנדבים לטובת קק"ל אין ביורא לובעלסקא 25

**די פעראייניגטע נאציאנאל-פאנד קאמיסיע אין ראדאם.**

## העברעאישער קרייז אין ראדאם

לאקאל פון דער ציוניסטישער ארג. לובעלסקא .25 שבת דעם 9 | 26 האלב פיער נ. מ. פינקטליך קומט פאר א חברים פערזאמלונג מיט פאלגענדער טאג—ארדנונג:

1) רייזע איינדרוקען איבער עסטרייך פראנקרייך און שווייץ." שושנה מושקאטבליט.

2) דיסקוסיעס ארום 14 שריפטליכע פראגען און אויפגאבען.

איינגאנג פריי!

## פון א"י-אמט.

דער סעקרעטאריאט פון א"י-אמט, וועלכער געפינט זיך אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (לובלינער 25 איז טעטיג פון 10—2 נ, מ. אין די דעדמאנטע שעה'ן קען מען זיך רעיעסטרירען אויף צו בעקומען א סערטיפיקאט. ביז היינט האבען זיך שוין רעיעסטרירט בערך 50 מאן. אין די נעכסטע טעג וועט פארקומען א קוואליפיקאציע-זיצונג פון ארטיגען א"י-אמט

ווי ס'איז שוין בעקאנט יוצרט אין קורצען פארקומען אין ראדאם, א קאנפערענץ פון אלע פאלעסטינא-אמטען אין ראדאמער ראיאן, מיט דער אויפגאבע צו גרינדען אין ראדאם א קרייז א"י-אמט.

## דער רעפערטואר פון היינטיגע וואך פון יודישען טעאטער

דער רעפערטואר פון היינטיגע וואך און מוצאי יו"כ איז: „יום הדין", „רומענישע חתונה" און „די יודישע קרוין".

„יום"

ביטעס-שריפט-ביורא, קעלך קילינסקי גאס 8 ערלעדיגט אלעראַרט ביטעס, רעקורסן וזונאניעס

וכל הקודם זכה!

אתרוגים לולבים והדסים מן המובחרים

אויף קאנקורענץ פרייזען קימט און איבערצייגט אייך.

אצל ר' מענדיל שענבוים (סופר)

ראדום פאדזאלני № 1. פראנט

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט, דאס איך האב זיך געעפענט א געשעפט (וואָעל 2 רוג רווינסקי) מיט אלעראַרט עלעקטרישע ארטיקלען ווי: אלע סארטען זשארובקעס און לאמפען.

איך פערקויף צו קאנקורענץ-פרייזען.

מ. ווערטהיים

ראדאם

וואל 2 רוג רווינסקי

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט דאס ג' פובליקום פון ראדאם און אומגעגענד דאס מיין מאנופאקטור געשעפט איז יעצט פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון דאמען און מענער שטאף צו קאסטיומען און פאלטאס, זיידע, פלוש-קאטיק אינלענדישע און אויסלענדישע. בעט-דעקין פלושענע האלבענע, פיקענע און אנדערע. גארדינען חאטע-דעקין, קאצען, מעביל שטאף אויך לימוזינט אלע פארבען.

אלעס צו מעסיגע פרייזען.

מיט אכטונג

מ. הירשמאן

(פריער ה. גרין)

ראדאם, לובלינער 7.

# קעלצער אבטיילונג.

## ווי איז אונזער סענאטאר?

ביי די וואהלען צום פוילישען סיים מיט בערך 3 יאהר צוריק, האט די א״דייטשע בעפעלקערונג אין קעלצער וואהל-קרייז ערפיהלט ווי געהעריג איהר פליכט; געגאנגען בעוואוסטזיניג צו די וואהלען, אבגעשטאנען שעה׳ען לאנג אין דער רייהע, פאר די וואהל ביוראס, נישט קוקענדיג אויף דער קעלט, וואס איז דאמאלס געוועזען. און ליידער האט זיך נישט איינגעגעבען אדורכצופיהרען קיין מאנדאט צום סיים צוליב די וואהל-ארדינאציע, לויט וועלכער ס׳ווערען צו געטהיילט צו דעם קעלצער וואהל-קרייז פיהל דערפער און די פויערים-פארטייען בעקומען אמערהייט שטימען, אזוי למשל: האט די פויערים-פארטיי „וויזוואלעניע“ בעקומען פון די 5 מאנדאטען, וועלכע דער קעלצער וואהל קרייז האט געוועהלט, 3 מאנדאטען.

ביי די וואהלען צום סענאט האט דער קעלצער וואהל-קרייז אדורכגעפיהרט א מאנדאט אין דער פערזאן פון ה׳ משה דוטשער אויס קראקוי. דער ה׳ דויטשער האט דעם מאנדאט אבגענומען און איז זיך... סענאטאר, פאר וואס נישט, שלעכט צו זיין א סענאטאר?.

פאר די וואהלען זענען ביי אונז פארגעקומען מיטינגען, אויף וועלכע ס׳זענען פארגעשטעלט געווארען פערשידענע פלאטפארמען, אויך ווארשא האט אונז מזכה געוועזען מיט רעדנער און צווישען אנדערע האבען אונזער שטאדט בעזוכט די איצטיגע סענאטארען ה״ה קערנער און טרוסקער, וועלכע האבען די וועהלער צוגעזאגט גאלדענע בערג.

צו די סענאטארען ה״ה טרוסקער און קערנער קאנען מיר גאר נישט האבען, נישט מיר האבען זיי געוועהלט, נישט זיי זענען אונזערע אפיציעלע פארשטעהער אבער ווי איז דער דורך אונז געוועהלטער סענאטאר ה׳ משה דויטשער? פאר וואס ווייזט ער זיך נישט פאר זיינע וועהלער? פאר וואס קומט ער נישט מיט א שטיקעל דין וחשבון וועגען זיין טעטיגקייט אין סענאט? צי מיינט דער ה׳ סענאטאר, אז מיר האבען איהם געוועהלט ער זאל טראגען דעם נאמען „סענאטאר“?, צי האט דער ה׳ ד. קיין שום פליכט נישט בנוגע זיינע וועהלער? צי זענען איהם בעקאנט אונזערע וויכטיגע לעבענס פראגען, אין וועלכע יעדער יוד איז בלוטיג פעראינטערעסירט? און צי האט זיך דער ה׳ סענאטאר בכלל פעראינטערעסירט מיט׳ן גורל פון זיינע וועהלער?

איינציגע מאהל איז שוין אונזער שטאדט בעזוכט געווארען דורך דעם דעפוטאט ה׳ ווישליצקי, וועלכער האט אונטערהאנדעלט מיט דעם קעלצער וואיעוואדא און פרעזעס פון איזבא סקארבאווא, וועגען פערשידענע לויפענדע פראגען, און ווי איז אונזער סענאטאר ה׳ ד. ?, ווען די פרעסע זאל נישט וועגען איהם שרייבען, דאמאלס ווען ער איז געוועהלט געווארען און אויך ווען פאהרענדיג צו דער נאציאנאלער פערזאמלונג אנטהייל צונעהמען אין די וואהלען פון ערשטען פוילישען פרעזידענט; האט ער בעקומען עטליכע קלעפ, וואלטען מיר נישט זיכער געוועזען אויב סאיז בכלל פארהאן א סענאטאר משה דויטשער. שוין נישט רעדענדיג וועגען דער אידישער „קאלא“, וועמענ׳ס חוב איז צו שיקען אין יעדער שטאדט און שטעדטעל דעפוטאטען אדער סאנאטארען, כדי צו שטעהען אין ענגען קאנטאקט מיט די וועהלער: זיי אינפארמירען וועגען יעדע אקציע, און אויך זאמלען אינפארמאציעס און בעקענען זיך אויף יעדען בעזוכענדען ארט מיט זיינע ספעציעל לאקאלע פראבלעמען, איז דאך די פליכט פון סענאטאר ה׳ דויטשער אלס געוועלטער אין קעלצער וואיעוואודזטווא זיך צובעקענען מיט אלע פראגען וועלכע זענען אנבעלאנגט די אידישע בעפעלקערונג אין זיין וואהל קרייז און דארף מעלדען, דאס אין אלע אנגעלעגענהייטען זאל מען זיך צו איהם ווענדען.

אין פערלויף פון די קנאפע 3 יאהר זענען אין קעלץ פארגעקומען פערשידענע פערזאמלונגען מיטן אנטייל פון קריסטליכע דעפוטאטען און סענאטארען. ס׳זענען פארגעקומען בעריכט׳ס פערזאמלונגען, אויף וועלכע ס׳זענען אויסגעהערט געווארען פערשידענע מיינונגען פון וועהלער. אידישע דעפוטאטען אדער סענאטארען זאלען ספעציעל אדער נישט ספעציעל קומען צו זייערע וועהלער האבען מיר נישט געזעהן. דער סענאטאר ה׳ קערנער האט בעזוכט אונזער שטאדט מיט׳ן צוועק צו גרינדען א געזעלשאפט א. נ. „פריינד פון העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים“. איך בין נישט קיין געגנער פון דער דערמאנטער געזעלשאפט. נור פאר וואס האט דער ה׳ קערנער זיך נישט געוויזען פאר די וועהלער, וועלכע ער האט מיט 3 יאהר צוריק געבעטען זיי זאלען שטימען אויף דער ליסטע ווי ער האט פיגורירט אויף דעם ערשטען ארט? דאמאלס ווען ער האט געוואלט מיט דער הילף פון די קעלצער שטימען זיך בעקומען אין סיים, דאמאלס איז ער געקומען צו דער בעפעלקערונג און איצט ווען ער איז שוין סענאטאר איז ער געקומען אין גאנץ אנדערע אנגעלעגענהייטען.

איך בין זיכער דאס זיי וועלען קומען ווייסט איהר ווען? — ווען זייער קאדענץ וועט זיין צו ענדע דאמאלס וועלען זיי זיך פאר אונז בעווייזען, בעטענדיג מיר זאלען זיי ווייטער וועהלען, צוזאגענדיג פרישע גאלדענע בערג—דאמאלס וועט שוין זיין צו שפעט, מיר וועלען שוין נישט זיין אזוי נאאיוו און וועהלען אזעלכע סענאטארען ווי דער סענאטאר ה׳ משה דויטשער, וועלכער האט נישט געפונען פאר נויטיג צו קומען (חאטש אלס סענאטאר האט ער פריי באהן) מיט א שטיקעל דין וחשבון אדער זיך אינפארמירען וועגען גורל פון זיינע וועהלער.

מ. ג—ן.

## א שלעכטער אדרעס.

אין איינעם פון די פריהעריגע נומערען פון „ראדאמער-קעלצער-לעבען“ קריטיקירט מיך ה׳ סערוועטניק, אז איך האב אויפגעהערט צו זיין טהעטיג אין די געזעלש. „פריינד פאר׳ן ירושלים׳ער אוניווערזיטעט“ און ער מאכט מיך זאגאר פעראנטווארטליך, אז צוליב מיינע „פערזענליכע אמביציעס“ איז פערנאכלעסיגט געווארען די טהעטיגקייט פון דער דערמאנטער וויכטיגער אינסטיטוציע. איך געפון דערום פאר נויטיג אויפצוקלערען פאר דער קעלצער יודישער געזעלשאפט דעם גאנצען ענין:

געוויס געדענקען נאך אלע די פייערליכע אקאדעמיע, וואס איז איינגעארדענט געווארען דורכ׳ן היגען קאמיטעט לכבוד דער ערעפנונג פון ירושלים׳ער אוניווערזיטעט. דער דאמאלדיגער קאמיטעט, אין וועלכען כ׳האב געהאט דעם כבוד צו שטעהען אין דער שפיץ — איז גלייכצייטיג בעשטימט געווארען אלס דער אנפיהרענדער און ארגאניזאטאר פון דער געזעלשאפט, צו וועלכער ס׳האבען געהערט פארשטעהער פון אלע שיכטען פון דער קעלצער יודישער בעפעלקערונג. אויף אזא אופן איז קאנסטאטירט געווארען די ארגאניזאציאנעלע אנפיהרערשאפט פון דער געזעלשאפט.

דער צייטווייליגער קאמיטעט האט אבער געפינען פאר א חוב צונויפצורופען א אלגעמיינע פערזאמלונג פון אלע מיטגלידער פון דער דערמאנטער אינסטיטוציע. וועלכע זאל וועהלען א פערוואלטונג. אין וועמענס הענד עס זאל אנפערטרויט ווערען די גאנצע ארבייט. נאך פיעל רעקלאמירען און בעקאנטמאכען יעדען מיטגליעד דורך איינלאדונגען, איז ערשט אויף דעם דריטען טערמין צושטאנד געקומען. די פערזאמלונג, אין וועלכע ס׳האבען אנטייל גענומען א קליינע גרופע מיטגלידער אין א צאהל פון 16 פערזאהן. אויף דער דערמאנטער פערזאמלונג איז געקומען דער ה׳ סערוועטניק (מחבר פון ארטיקעל „וואו איז אייער אקטיוויטעט“), וועלכער האט זיך כסדר ביי אלע לויפענדע פראגען פערהאלטען אפאזיציאנעל. די פערזאמלונג האט געוועהלט א רייהע מענשען אין קאמיטעט, צווישען וועלכע ס׳זענען אויך אריין איך און ה׳ סערוועטניק. איך אבער האב זיך באלד ענטזאגט אנצונעמען דעם מאנדאט, נישט צוליב „פערזענליכע אמביציעס“, נאר פשוט דערפאר, ווייל כ׳האב אנערקענט, אז צוליב די מיינונג׳ס-פערשידענהייטען, וואס הערשען צווישען מיר און ה׳ ס., וועט מיין ארבייט וועניג פאזיטיווע נוצען ברענגען פאר דער אינסטיטוציע. אויפן צווייטען טאג פון דער פערזאמלונג האב איך געבעטען דעם אינזשיניער ה׳ קראך, ער זאל איבערנעמען די פונקציעס פון א פארזיצענדער אויף מיין ארט ביז צום קלויבען א פרעזידיום פון דער נייער אויסגעוועהלטער פערוואלטונג. אבער אויף דער ערשטער ארגאניזיר-פערזאמלונג פון דער נייע געוועהלטער פערוואלטונג איז געקומען נאר 3 פערזאהן פון די 9 געוועהלטע. צווישען די נישט געקימענע איז

## WĘGIEL

z kopalni „Flora“ produkującej węgiel w najlepszym gatunku i należący do pierwszej klasy **NA TONNY i DETALICZNIE z dostawą do piwnic bez osobnej dopłaty PO NAJNIŻSZYCH CENACH KONKURENCYJNYCH poleca**

**KAZIMIERZ BIAŁKOWSKI**

**Radom, plac własny między Kościelną a Szeroką.**

---

## KINO „PANI“ KIELCE

PAT i PATACHON *w roli fotografów*

**Komedja w 6-ciu wielkich aktach**

Auchs: W następnym programie **BRZDĄC** z królami ekranu *Charlie Chaplin i Jackie Coogan*

Już w krótkim czasie **ARAB** arcydzieło z **ALICE TERRY**

---

א ג״חט און א גוט יאָהר

דעם פרעזעס פון בעקער פעראיין ה׳ אבא האך מיט זיין פרוי, זיין זוהן יאָסעלי און זיין פרוי ווי אויך די פערוואלטונג פון בעקער-פעראיין און דעם גאנצען פעראיין ווינשט

הערשעל מלינארסקי ראדאם

---

עלעקטרישע מאָטאָרען פערבּרענטע פרישט אויף פון 50 זלאָט אָן

**י. זיעלאנקא**

לובלינער 48

---

## Do sprzedania.

*kilkaset beczek po cementie*

**wiadomość Ulen i Co Radom, Plac 3 Maja 5 telefon 221.**

---

## דער יודישער אויטאמאביל נומער 14968

וועט היינטיגען זונטאג **ערב יום כפור** קורסירען פון 6 פריה אן יעדע האלבע שעה אויפן **בית עולם** און צוריק. א קורס א הין קאָסט 50 גראשען: אהין און צוריק 1 זלאָט. די סטאציע איז אויפן קאושעניצער וועג (רייטשול) א קעגען—איבער דער בוטקע פון מאגיסטראט.

---

## ביער ברוילעריי

**י. סאסקי**

אין ראדאָם

עמפעהלט ביער

העלס דונקעלס „ע ף“

אויף פארטער

---

**יודישע פאטענטירטע אקושערקעס אין ראדאם, וועלכע געהערען צו דער קאסע האריך.**

| | |
|---|---|
| דארינסקא | לובעלסקא 7 |
| מאנדעלמאן | רוויינסקי 5 |

---

## אתרוגים מובחרים.

לולבים והדסים אצל הר׳ **שלמה בערגער** (סופר) רחוב פאדוואלנא 2 סמוך לבית המדרש 2-ער ש ט אָ ק, ואצל בנו ה׳ **ישראל בערגער אין רעסטאראציע פון הר׳ ישראל מאיר בארענשטיין פיעקלא 1**

---

די אידישע ארטיסטען אין ראדאם פון דער חברים-טרופע פון פראפעסיאנעלען פעראיין אין ווארשא ווינשט.

**א גמר התימה טובה**

מאיר הערץ און פרוי.

---

**Zakład Elektro-Mechaniczny E. OKRÓJ Radom, ul. Lubelska № 15 Hotel Rzymski Tel. 375 Urządza instalację elektrycze światła, telefony i t. p. Reperacje dynamomaszyn i motorów**

---

Kino-Teatr **„CORSO“** **w Radomiu.**

**Od Poniedziałku 28 września**

## „GŁÓD ŚWIATA“

Wybitny monumentalny dramat w 8-miu aktach.

פון 5-ען פאַזשדזשערניק וועט דעמאָנסטרירט ווערען דאָס בעריהמטע יודישע בילד

## תּקיעת כּף

וואָס איז לעצטענס מייסטערהאפט אויסגעבעסערט, בערייכערט געוואָרן

---

## Kino „ODEON“ w Radomiu

Od 21 do 27 września 1925 r.

**Jednocześnie w Warszawie i Radomiu**

Nadzwyczajna premjera słynnego obrazu

## GŁOSY SAMOBÓJCÓW

**(DUSZE w ZAŚWIATACH)**

Największy obraz sezonu. – Przepiękna treść.
W rolach głównych sławy ekranu
**Vera Reynolds, Ricardo Cortez, i inn.**
Najlepsze siły słynnej wytwórni „PARAMOUNT“

---

## *Teatr „ROZMAITOŚCI“*

**W Sobotę 26 i Niedzielę 27 Września 1925 r.**

## NIEWINNA GRZESZNICA

**znakomita komedja w 3-ch aktach.**

*W. GRUBIŃSKIEGO.*

**Gościnny występ Artystów scen Warszawskich**

**Udział biorą** *Helena Bożewska Bernatowicz Leszczyc Niwiński.*

Cały dochód z przedstawienia sobotniego na budowę Domu „Policjanta Polskiego“

**Początek o godz. 8.30 wiecz.**

Bilety do nabycia w kasie zamawiań Lubelska 40, a w dnie przedstawień od godz. 6-ej wieczór w kasie teatru.

Redaktor i Wydawca Ch. M. Herc — Odbito we własnej drukarni „Radomer-Kielcer Leben“ Radom Szwarlikowska 20.